OCSS-76 (Y) 1/22/2026
ENG rev. 1/15/20266

Department of Social Services
Human Resources Administration
Department of Homeless Services
Office of Child Support Services

# צאל-עס-אפ 2026 (Pay It Off) אפט געפרעגטע פראגעס (FAQ) בלאט

## (Yiddish)

באמערקונג: נאן-קאסטאדיעל עלטערן דארפן האבן א חוב וואס מען איז פערמענאנט שולדיג צו די NYC דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (NYC DSS) כדי צו זיין בארעכטיגט פאר צאל עס אפ. זעט FAQ #3 פאר מער אינפארמאציע.

### 1. פארוואס האב איך באקומען דעם מעלדונג?

איר האט באקומען די מעלדונג וויבאלד ביים צייט פון ארויסשיקן די מעלדונג האט איר געהאט כאטש $1,000 אין טשיילד סופארט חובות און כאטש $500 פון יענע חוב זענט איר שולדיג פאר די NYC רעגירונג/אפטיילונג פון סאושעל סערוויסעס (DSS). NYC שלאגט פאר א צייט-באגרעניצטע פראגראם צו העלפן פארמינערן די סומע פון טשיילד סופארט חובות וואס איר זענט שולדיג.

### 2. וויאזוי ארבעט די פראגראם?

פון מערץ 2, 2026 ביז מערץ 13, 2026 מאכט א מינימאלע באצאלונג פון $500 און שרייבט אונטער און געבט אריין די צאל עס אפ צושטימונג. די אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (NYC OCSS) וועט דאן צופאסן אייער באצאלונג דורך פארמינערן אייער חוב מיט די זעלבע סומע (ביז צו די סומע וואס איר זענט שולדיג).

אט איז א ביישפיל:

| | | |
|---|---|---|
| ביישפיל | צאל עס אפ באצאלונג געמאכט צווישן מערץ 2 און מערץ 13, 2026 | $600 |
| פלאס (+) | צוגעפאסטע סומע | $600 |
| ***סך הכל (=)*** | ***סך הכל סומע פון רעגירונג/DSS חוב פארמינערט*** | ***$1,200*** |

### 3. וואס מיינט איר מיט חובות וואס מען איז פערמענאנט שולדיג פאר די NYC אפטיילונג פון סאושעל סערוויסעס (DSS)?

דאס איז טשיילד סופארט חובות שולדיג צום DSS ווען א קינד איז אויף קעש הילף און די נאן-קאסטאדיעל עלטערן פאלט צוריק אויף מאכן די באצאלונג פאר די געריכט באפעל.

### 4. וויאזוי קען איך באצאלן?

מיר קענען נישט צופאסן א באצאלונג אן האבן ערהאלטן אן אונטערגעשריבענעם צאל עס אפ צושטימונג, אפגעזען וועלכע וועג איר באשליסט צו באצאלן. א באזונדערע צושטימונג ווערט פארלאנגט פאר יעדע פאל צו ערהאלטן א קרעדיט.

עס זענען דא פיר וועגן צו באצאלן:

1) **פערזענליך** מיט א טשעק, קרעדיט/דעביט קארטל, אדער מאני ארדער -
151 W. Broadway, 5th floor
New York, NY 10013
מאנטאג – פרייטאג, צווישן 9 צופרי און 5 נאכמיטאג (אויסער חגאות און וויקענדס)

איר קענט אויך באזוכן איינע פון אונזער פינף OCSS פאמיליע געריכט אפיס לאקאציעס און מאכן א קרעדיט/דעביט קארטל באצאלונג: https://on.nyc.gov/contactocss.

2) **אנליין** דורך נוצן די NYC ACCESS HRA טשיילד סופארט מאביל עפפ: www.nyc.gov/childsupportmobile.

3) **שיקט אין די פאסט** א טשעק אדער מאני ארדער צו -
OCSS - Pay It Off
PO Box 830
Canal Street Station
New York, NY 10013

4) **רופט** 929-252-5201 צווישן 9 צופרי און 5 נאכמיטאג צו מאכן א קרעדיט/דעביט קארטל באצאלונג דורך די טעלעפאן.

- באצאלונגען מוזן ערהאלטן ווערן נישט שפעטער ווי מערץ 13, 2026 צו ערהאלטן די קרעדיט. לערנט מער איבער וויאזוי צו מאכן א באצאלונג אויף https://on.nyc.gov/paymentmethods.
- באצאלונגען דארפן ווערן צוגעלייגט מיט די צושטימונג.
- פאר מערערע פעלער, געבט אריין א באזונדערע באצאלונג פער פאל און א באזונדערע צושטימונג.
- מאכט די באצאלונגען אויסגעשטעלט צו די "NYS Child Support Processing Center ".
- לייגט צו אייער טשיילד סופארט קעיס ID און שרייבט "Pay It Off" אויף אייער באצאלונג.

באצאלונג אופנים

באמערקונג: באצאלונגען געזאמעלט דורך א גארנישמענט (אזוי ווי ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס און א פעיטשעק גארנישמענט/אינקאם צוריקהאלטונג באפעל (IWO), אוועקכאפונג, אדער שטייער אינטערסעפט וועט **נישט** ווערן צוגעפאסט.

**5. פארוואס בין איך נישט בארעכטיגט פאר די פראגראם אויב איך בין בלויז שולדיג חובות צו די קאסטאדיעל עלטערן און נישט צו DSS?**

OCSS האט בלויז די אויטאריטעט צו אדמיניסטראטיוו פארמינערן חובות וואס מען איז שולדיג פאר די NYC רעגירונג/DSS.

אויב איר האט בלויז חובות וואס איר זענט שולדיג פאר די קאסטאדיעל עלטערן, קענט איר נישט אנטיילנעמען. אנטיילנעמען אין א מעדיטעישאן פראגראם קען אנהויבן א שמועס מיט די קאסטאדיעל עלטערן צו באטראכטן אראפצונידערן די חוב שולדיג פאר זיי. רעפערירט צו די מעדיטעישאן סערוויסעס מעלדונג אויף אונזער וועבזייטל: bit.ly/MediationBrochure.

**6. וואס איז אויב איך קען נישט באצאלן א מינימום פון $500?**

די ספעציפישע פראגראם פארלאנגט אז איר זאלט באצאלן א מינימום פון $500 פאר אייער חובות בדי צו געניסן פון די צייט-באגרעניצטע אנבאט.

פונדעסטוועגן, מאכן סיי וועלכע באצאלונג פאר אייער טשיילד סופארט חוב וועט אייך בענעפיטירן אין אנדערע וועגן. איר קענט מעגליך פארמיידן אנדערע אינפארסירונג שריט ווען שייך. איר קענט זיך אויך אויפשרייבן פאר אונזער אריערס קרעדיט פראגראם, וועלכע פארלאנגט אז איר זאלט באצאלן אייער גרעיכט באפוילענע מאנאטליכע טשיילד סופארט פליכט פאר א יאר און ביים סוף באקומען ביז צו א $5,000 חוב פארמינערונג. אויב איר שרייבט זיך אויף דורכאויס די צאל עס אפ צייט אפשניט, וועט איר באקומען ביז צו נאך $2,500 פארמינערונג. איר קענט אויסגעפונען מער וועגן די פראגראם דורך לייענען FAQ #7 און #8 אונטן.

**7. וואס איז די אריערס קרעדיט פראגראם?**

די אריערס קרעדיט פראגראם (ACP) ערלויבט אייך צו זיין בארעכטיגט פאר ביז צו $5,000 חוב פארמינערונג פון אייער פערמענאנטע-באשטימטע DSS חובות נאכ'ן כסדר באצאלן אייער געריכט באפוילענע פליכט סומע אינגאנצן פאר איין גאנצע יאר (12 מאנאטן) אנגעהויבן אויף די טאג וואס איר שרייבט אונטער די אריערס קרעדיט פראגראם צושטימונג. איר קענט זיין בארעכטיגט פאר ביז צו 3 יאר און פארמינערן חובות ביז צו א סך הכל פון $15,000.

אויב איר שרייבט זיך איין אין די אריערס קרעדיט פראגראם אין די זעלבע צייט וואס איר נעמט אנטייל אין צאל עס אפ, און איר ווערט געפונען צו זיין בארעכטיגט, זענט איר קוואליפיצירט פאר נאך א פארמינערונג פון ביז צו $2,500 אין חובות שולדיג צו די רעגירונג/DSS.

אט איז א ביישפיל:

| | | |
|---|---|---|
| ביישפיל | באצאלונג(ען) געמאכט צווישן מערץ 2 און מערץ 13, 2026 | $500 |
| פלאס (+) | **צוגעפאסטע סומע** | **$500** |
| פלאס (+) | **אונטערגעשריבענע אריערס קרעדיט צושטימונג** | **$2,500** |
| ***סך הכל (=)*** | ***סך הכל צוגעלייגט צו פארמינערן רעגירונג/DSS חוב דורכאויס PIO*** | ***$3,500*** |

און יעדע יאר, פאר דריי יאר, וועט ביז צו נאך $5,000 פון חובות פארמינערט ווערן ווען איר זענט אין איינקלאנג מיט די אריערס קרעדיט פראגראם.

פאר נאן-קאסטאדיעל עלטערן מיט מערערע אקאונטס, וועלן קרעדיטס ווערן צוגעלייגט צו יעדע באזונדערע אקאונט ווי פאסיג (ביז צו די שולדיגע סומע).

**8. טוט דאס באדייטן אז איך וועל האבן נאך $2,500 פארמינערט אין חובות אויב איך שרייב זיך אויף פאר די אריערס קרעדיט פראגראם ווען איך שרייב זיך אויף פאר צאל עס אפ?**

יא. די צוגעלייגטע ביז צו $2,500 חוב פארמינערונג פאר זיך אויפשרייבן פאר אן ACP צושטימונג דורכאויס צאל עס אפ פאסירט גלייך. עס נעמט א יאר'ס ווערט (12 מאנאטן) פון נאכאנאנדע און גאנצע יעצטיגע טשיילד סופארט באצאלונגען צו ערהאלטן די צוגעלייגטע קרעדיט פון ביז צו $5,000 וואס איר זענט בארעכטיגט פאר ביים סוף פון די יאר. יענע יאר פאנגט זיך אן אויף די טאג וואס איר שרייבט זיך אויף פאר די אריערס קרעדיט פראגראם צושטימונג. איר קענט זיין בארעכטיגט פאר ביז צו 3 יאר און פארדינען א קרעדיט פון ביז צו א סך הכל פון $15,000.

**9. קען איך מאכן מער ווי איין באצאלונג צווישן מערץ 2 און מערץ 13, 2026? צום ביישפיל, אויב איך באצאל $1,000 אין די 1טע וואך פון די פראגראם און אין די צווייטע וואך פון די פראגראם, קען איך באצאלן נאך $1,000, קען איך מאכן צוויי באצאלונגען?**

יא, איר קענט מאכן מער ווי איין באצאלונג צווישן מערץ 2 און מערץ 13, 2026 אזוי לאנג אז די באצאלונגען ווערן ערהאלטן ביז מערץ 13, 2026, און צוזאמען זענען זיי מער ווי $500, און איר שרייבט אונטער און שיקן א צושטימונג פאר יעדע באצאלונג ביז צום פראגראם ענדע דאטום. זעט FAQ #4 פאר אנווייזונגען איבער וויאזוי צו מאכן קוואליפיצירטע באצאלונגען.

## 10. וויאזוי געב איך אריין די צאל עס אפ צושטימונג און/אדער די אריערס קרעדיט פראגראם אפליקאציע?

איר קענט באקומען א קאפיע פון די צאל עס אפ צושטימונג און עס אריינגעבן ווי פאלגנד:

*צאל עס אפ צושטימונג*

1. דאנלאוד די צאל עס אפ צושטימונג אויף https://nyc.gov/payitoff. איר האט מעגליך ערהאלטן איינס דורך די פאסט.
2. פילט אויס און שרייבט אונטער די צושטימונג. א באזונדערע צושטימונג ווערט פארלאנגט **פער פאל** צו ערהאלטן א קרעדיט.
3. געבט אריין די צושטימונג און א קאפיע פון אייער בילד ID ווי פאלגנד:

**דורך אימעיל** צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us, מאכט זיכער אריינצורעכענען אייער פולע נאמען און ניו יארק קעיס ID, און “Pay It Off” אין די אימעיל.

**דורך פאסט** צו:

OCSS – Pay It Off

PO Box 830

Canal Street Station

New York, NY 10013

**פערזענליך** צו:

151 W. Broadway, 4th floor
New York, NY 10013

מאנטאג – פרייטאג, צווישן 8 צופרי און 6 נאכמיטאג (אויסער חגאות און וויקענדס)

אדער באזוכט סיי וועלכע פון די OCSS אפיסעס אין די פאמיליע געריכטן.

*ACP אפליקאציע*
*וועבזייטלACP*

איר קענט דאנלאוד'ן די אריערס קרעדיט פראגראם אפליקאציע אויף bit.ly/ArrearsCreditApp. געבט עס אריין ווי אנגעוויזן איבן צוזאמען מיט די צאל עס אפ צושטימונג.

## 11. וואס איז אויב איך געב אריין בלויז מיין באצאלונג(ען) און איך פיל נישט אויס א צושטימונג?

איר וועט נישט זיין בארעכטיגט פאר די צאל עס אפ צופאסונג אן אן אונטערגעשריבענע צושטימונג. איר דארפט אויספילן, אונטערשרייבן, און צוריקשיקן די צושטימונג איידער מערץ 13, 2026. זעט FAQ #10.

## 12. וויפיל בין איך שולדיג אין חובות?

פארבינדט זיך מיט OCSS אויסצוגעפינען אייער אקאונט באלאנס:

- **אימעיל** dcse.cseweb@dfa.state.ny.us. ביטע שרייבט אייער פולע נאמען און טשיילד סופארט קעיס נומער אדער געבורטס דאטום אין אייער אימעיל פארלאנג און שרייבט Pay It Off (צאלט עס אפ) אין די סובדשעקט ליניע.
- **פארלאנגט** א טעלעפאן אפוינטמענט מיט א קאסטומער סערוויס קעיס ארבעטער דורך שיקן אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us. ביטע שטעלט צו אייער נאמען, טשיילד סופארט קעיס נומער אדער געבורטס דאטום, א שילדערונג פון אייער זארג(ן), טעלעפאן נומער, און די בעסטע צייט אייך צו רופן. שרייבט אריין “Requesting a Customer Service Appointment” אלס די טעמע ליניע פון אייער אימעיל.
- **רופט** 888-208-4485, די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט הילף ליניע.
- **שיקט עס צו אונז דורך פאסט** צוOCSS, Pay it Off, PO Box 830, Canal Street Station, New York, NY 10013.

- **באזוכט** 151 W. Broadway, 4th floor, New York, NY 10013 (מאנטאג – פרייטאג, צווישן 8 צופרי און 6 נאכמיטאג אויסער חגאות און וויקענדס)
  אדער באזוכט סיי וועלכע פון די OCSS אפיסעס אין די פאמיליע געריכטן.

**13. אויב איך באצאל $500, וויפיל וועל איך באקומען קרעדיט פאר מיין חוב?**

דאס ווענדט זיך אויף אייער ספעציפישע קעיס. צום ביישפיל, אויב איר באצאלט $500, קען אייער חוב ווערן פארמינערט ביז אזויפיל ווי $1,000, ביז צו די סומע וואס איר זענט שולדיג. די ביישפיל אין FAQ #2 און #7 קענען זיין בייהילפיג.

**14. ווער באקומט די געלט אויב איך בין שולדיג א חוב צו סיי DSS און די קאסטאדיעל עלטערן?**

די געלט וועט ווערן אויסגעטיילט אין איינקלאנג מיט פעדעראלע פארטיילונג געזעצן. צו לערנען מער וועגן די איינצלהייטן פון אייער קעיס, קענט איר:

- **שיקן אן אימעיל** dcse.cseweb@dfa.state.ny.us. ביטע לייגט צו אייער פולע נאמען און טשיילד סופארט קעיס נומער אדער געבורטס דאטום אין אייער אימעיל נאכפראגע. איינער וועט אייך רופן אדער ענטפערן צו אייך דורך פאסט.
- **פארלאנגט** א טעלעפאן אפוינטמענט מיט א קאסטומער סערוויס קעיס ארבעטער דורך שיקן אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us. ביטע שטעלט צו אייער פולע נאמען, טשיילד סופארט קעיס נומער אדער געבורטס דאטום, א שילדערונג פון אייער זארג(ן), טעלעפאן נומער, און די בעסטע צייט אייך צו רופן. שרייבט אריין "Pay It Off Requesting a Customer Service Appointment" אלס די טעמע ליניע פון אייער אימעיל.
- **רופט** 888-208-4485, די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט הילף ליניע.
- **שיקט עס צו אונז דורך פאסט** צו OCSS – Pay It Off, PO Box 830, Canal Street Station, New York, NY 10013.
- **באזוכט** 151 W. Broadway, 4th floor, New York, NY 10013 (מאנטאג – פרייטאג, צווישן 8 צופרי און 6 נאכמיטאג אויסער חגאות און וויקענדס)
  **באזוכט** סיי וועלכע פון די OCSS אפיסעס אין די פאמיליע געריכטן.

**15. אויב איך בין שולדיג געלט צו אן אנדערע סטעיט אדער אנדערע קאונטי, בין איך נאך אלץ בארעכטיגט פאר די פראגראם?**

ניין, די צופאסונג פאר די פראגראם איז באגרעניצט צו געלט שולדיג פאר די NYC רעגירונג/אפטיילונג פון סאושעל סערוויסעס (DSS).

**16. בין איך בארעכטיגט אנטיילצונעמען אין די צאל עס אפ פראגראם די יאר אויב איך האב אנטיילגענומען אין פריערדיגע יארן?**

יא.

**17. וואס איז אויב איך האב א געלט אורטייל מיט אינטערעסט וואס איך דארף באצאלן פאר DSS?**

אויב די געלט אורטייל פרינציפאל שולדיג צו NYC DSS אן אינטערעסט ווערט אינגאנצן אויסגעצאלט, וועט OCSS אויך אראפנעמען אלע אינטערעסט וואס מען איז שולדיג.

**18. אויב איך באצאל די געלט אורטייל פרינציפאל שולדיג צו DSS אינגאנצן, וועט אלע מיין אינטערעסט ווערן אוועקגענומען?**

יא.

**האט איר א מעדיצינישע אדער גייסטישע געזונטהייט צושטאנד אדער דיסאביליטי?** טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו פארשטיין די מעלדונג אדער טון וואס דער מעלדונג בעט? טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו באקומען אנדערע סערוויסעס ביי HRA? **מיר קענען אייך העלפן.** רופט אונז אויף 718-557-1399. איר קענט אויך בעטן הילף ווען איר באזוכט אן HRA אפיס. איר האט א רעכט צו פארלאנגען פאר די סארט הילף לויט די געזעץ.